# וואו זענען די יאסערען?

## הי״ד!



טישטוך | אידטיש.קאַם



## יאסעלע! די גליקליכע אנהייב

יאסעלע איז געווען גאר אן ערליכער און איידל קינד וועמען אלע האבן באוואונדערט. ווען מען האט אים געזען דאווענען איז זיס געווארן אויפן הארצן, און ווען מען האט אים געזען עוסק זיין בתורה האט עס געגעבן א רייץ זיך אויך אנידערצוזעצן מיט א ספר'ל. זיינע מחנכים האבן אים באצייכנט אלס מצוין. ער איז געווען אנגענומען צווישן די חברים, האט געהאט גוטע צייטן מיט די מלמדים, פלעגט זיך צושטעלן צו אלע פראגראמען, און באמת געווען דער חלום פון א גוטער תלמיד.

יאסעלע האט געשיינט און געלייכט אלע זיינע חדר טעג, ביז יענעם שווארצן טאג, געציילטע טעג נאך וואס ער האט געפראוועט די בר מצוה למז״ט און אפגעגנומען די גריסן מיט די מתנות אזוי ווי יעדער געווענליך קינד.

## א היימישער מלאך המשחית

א געוויסער באדרענגער פארשלייערט אין א היימישער לבוש האט באשלאסן, אז ער וועט אויסנוצן דעם לב טוב פון אונזער באליבטער יאסעלע פאר זיינע אייגענע צוועקן. ער האט פון אים אוועקגענומען דעם תמימות אין אן אויגנבליק, גערצח'עט זיין נפש מיט א פייערדיגן שפיז, צומישנדיג דאס קינד אויף שטענדיג. יאסעלעס אויגן זענען מיטאמאל פארלאשן געווארן, און פונעם גלאנץ אויף זיין געזיכט איז געבליבן א פארכמארעטער מינע. יאסעלע איז שוין מער נישט געווען דאס איידל קינד. יאסעלע איז געווען פארשוועכט.

אזוי האט יאסעלע דורכגעשטופט די ערשטע יאר אין ישיבה קטנה, שלעפנדיג מיט זיך דעם גרויסן געהיימעניס.

זעענדיג ווי דער פארשוועכער זיצט אין שול און ווערט מכובד מיט עליות און דרשות. האט יאסעלע עטליכע מאל זיך געוואלט אויפשטעלן און פון אים ארויסרייסן דאס בארד מיט די ציין און אים פארשיקן פון געגנווארט, אבער ווען ער האט נאר דערפון געטראכט האט זיך אים גענומען טרייסלען אין אלע ביינער. יאסעלע איז געווען פארשוועכט און דערציטערט, שפירנדיג ווי אן איינזאמער קינד קעגן א מאשין פון שלעכטס. ״ווער וועט מיר דען גלייבן?״ האט ער געזאגט צו זיך אלע טעג, געבנדיג זיך אן ענטפער פארוואס ער נעמט נישט קיין ערנסטע שריט דעם באדרענגער צו דערוויטערן.

## די הייליגע ליכטיגקייט הייבט אן שיינען

ווען יאסעלע איז אלט געווארן פופצן יאר אלט האט ער זיך באקאנט מיטן לעכטיגער אור פון די ברסלב'ע ספרים. ער האט געשלינגען די דברי התחזקות מיט דארשט, און האט אנגעהויבן צוריק צו לעבן ווי אמאל. מ'האט שוין נישט אויף אים געקענט דערקענען זיין שווערע איבערלעבעניש. די הייליגע ספרים האבן אין אים אריינגעשיינט אזא קדושה, אזש יאסעלע האט אנגעהויבן אראנזשירן חבורות אין ישיבה וואו מען האט געלערנט אינאיינעם שיחות הר"ן און ליקוטי עצות. יאסעלע האט געשפירט ווי ווען נישט די הייליגע ספרים וואלט ער געגידערט אין שאול תחתית ממש.

ביז איצט, איז די געשיכטע פון יאסעלע א גאלדענע. ווי פון א קינד וואס האט געלאכטן איז ער פארוואנדלט געווארן אין א שפאצירנדער שאטן, און ווי פון זיין קלעם האט ער זיך ארויסדערזען און ווידעאמאל אנגעהויבן שטראלן און לייכטן. אבער ליידער איז דער גורל פון יאסעלע געווען פארשריבן, און עס איז נאר שווערער געווארן.

ווען יאסעלע איז אנגעקומען אין ישיבה גדולה, האט זיך צו אים צוגעטשעפעט א קבוצה פון שלעכטע פריינט. זיי האבן אים פארקויפט אז זיי ווילן נאר לערנען מיט אים און שעפן פונעם נחל נובע מקור חכמה, אבער אין אמת'ן אריין האבן זיי געהאט שוידערליכע פלענער.

## נאר איין 'שלעפ'

איין טאג אינמיטן זייער קביעות'דיגער שיעור וועלכער איז פארגעקומען אין קעלער פון א לאקאלער שול, האט משה שמחה - פון די שיעור באטייליגטע - ארויסגעשלעפט פון קעשענע די שלעכטע געווירצן, און אנגעהויבן פאררויכערן מיט געשמאק. יאסעלע האט געשטוינט צו זען אז אויך די איבריגע 'משתתפי השיעור' האבן אנטיילגענומען אין דעם שפיל, און ביז עטליכע מינוט איז דער שיעור פארוואנדלט געווארן אין א מושב לצים, ווען עלטערע באבערדלטע בחורים זיצן און קוילערן זיך פאר געלעכטער פון נארישקייטן, זייענדיג פארטייבט, און נישט פון תורה.

עס האט נישט לאנג געדויערט ביז ווען יאסעלע האט זיך געטראפן אלס טייל פון די גרופע. יא, עס האט אויסגעזען פונדרויסן ווי עס האט נישט אויף אים קיין אפעקט, אבער יאסעלע איז ליידער ווידעראמאל פארשלעפט געווארן, און דאסמאל אויף א וועג פון וועלכן מען קומט נישט אזוי גרינג צוריק. פון יאסעלע איז געווארן יאסי, א בחור וואס איז געקומען אין ישיבה מיט רצונות צו שטייגן, א בחור וואס האט געלעבט מיט תורה וחסידות, און דא איז ער פארוואנדלט געווארן אין א בחור וואס זוכט נאר ווען מען קען כאפן דעם קומענדיגער 'שלעפ', און אז דער משגיח זאל אים נישט כאפן ווען ער איז 'הויעך'.

אזוי זענען אריבער דריי פיינפולע יארן אין ישיבה גדולה. יאסעלע האט אזויפיל מאל פרובירט זיך צו נעמען פון פריש, אבער די סחורה האט אים געהאלטן אראפגעבינדן. אין אנהויב איז עס טאקע נאר געווען די גרינע געווירצן וואס מען פאררויכערט, אבער עס האט נישט לאנג געדויערט ביז ווען ער האט זיך באקאנט געמאכט מיטן 'דיעלער' וואס האט אים אנגעבאטן הארבערע סחורה וואס זענען פארבאטן צו פארקויפן אין יעדע פארגעשריטענע מדינה.

יאסעלע'ס אלטע וואונדן פון דעם ביטערן פארשוואכונג וואס ער איז אדורך האבן זיך אנגעהויבן ערוועקן. ער איז אריינגעפאלן אין א טיפע דעפרעסיע פון וועלכן ער האט זיך ממש נישט געקענט ארויסזען. פאר וואכן לאנג איז ער אפגעלעגן אין בעט מיט ביטערניש, און האט שטענדיג געגלוסט און געגארט זיך ארויסצוזען פון דעם זומפ אין וועלכן ער איז אריינגעפאלן. יעדע פאר וואכן פלעגט ער כאפן א תהלים'ל און אנהייבן וויינען דעם תיקון הכללי מיט א לעכצעניש וואס האט געמאכט א שטיין צוגיין. "אֲנִי אָמַרְתִּי ה' חָנֵּנִי, רְפָאָה נַפְשִׁי!" האט ער געוויינט מיט ביטערליכע טרערן וועלכע האבן אנגעפולט א קוואל. "שַׂמְּחֵנוּ כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ, טאטעו!" האט זיין קול געדונערט אין די פארטאגס שעה'ן איבערן ליידיגן היכל הביהמ"ד "שְׁנוֹת רָאִינוּ רָעָה, דו ווייסט דאך יא!" האט ער אויסגעפלאצט פון פריש אין א בכי מר, לויפנדיג זיך איינהילן אינעם פרוכת.

געענדיגט תהלים זאגן, זיך פארגענומען פון פריש, ביזן קומענדיגער דורכפאל.

## שבע יפול צדיק, איך הייב אן!

איין טאג האט זיך יאסעלע גענומען, געפאקט פעק און געפארן צו א רב וועלכער זאל אים העלפן היילן זיין נפש. ער האט אפגעהאקט מיט



די שלעכטע חברים, און זיך מקבל געווען קבלות טובות פון פריש - צום וויפילטן מאל. און יא, ב"ה אז עס האט זיך אויסגעארבעט, און לויט די קלארע הדרכה פונעם מורה דרך זיינער, אינאיינעם מיט פראפעסינאלע הילף, האט ער באוויזן זיך ארויסצוזען פון דעם שעדליכן דראג אדיקציע.

און נאכמער ווי דעם, יאסעלע האט ב"ה באוויזן צו טון א הערליכן שידוך, אזוי ווי עס איז זיך אים געקומען. צו זיין שמחה איז נישט געווען קיין גרעניץ ווען ער איז אנגעקומען צום משפיע אין הויף מיטן זעקל אין וועלכן עס איז געליגן א טאץ לעקאך מיט ברוינפן. "איך בין א נייער מענטש, אבער דאסמאל בלייב איך שוין אזוי" האט ער געזאגט "איך האב אונטערגעשריבן א קאנטראקט, איך בין אויפן וועג צו בויען א בית נאמן בישראל" האט ער געזאגט מיט עקסטאז ביים קליינעם לחיים אין הויף פונעם קהילה פון רב.

די חתונה פון יאסעלע איז געווען גאר א פרייליכע. ווייניג האבן פארשטאנען פשט אין די לאנגע תפילת מנחה, און אין די בכיות נוראות וואס ער האט פארגאסן אונטערן חופה, אין יענע הייליגע מאמענטן, ווען ער האט געוואלט פארגעסן פון זיין שווערן פארגאנגענהייט און זיך פולקאם קאנצעטרירן אינעם גלעצנדער עתיד. יאסעלע'ס חתונה איז אוממעגליך צו באשרייבן, ווייל אלס איז געווען אין דער לופטן. מ'האט זיך געהויבן מיט אן אמת'ער שמחה, דען יאסעלע האט געדינט אלס מוסטער אז עס איז שטענדיג דא האפענונג, און שטענדיג איז דא א וועג ארויס, און איבער אלעם, אז עס איז נישטא קיין תירוץ אויפצוגעבן.

יאסעלע האט חתונה געהאט, און איז אריין אין ביזנעס ווי ער האט אנגעהויבן זען גרויס הצלחה. דאן איז ער געבענטשט געווארן מיט א צווילינג למז"ט, און צו זיין שמחה איז נישט געווען קיין גרעניץ. יאסעלע איז געווארן א שיינער בעה"ב, א אינגערמאן מיט אפאר דאלאר, אלע מוסדות און כוללים האבן געגאסן פון זיינע ברייטהארציגע נדבות. יאסעלע איז נישט געווען דער נגיד וואס האט געזוכט אויפמערקזאמקייט, נאר האט באמת געלעבט ווי א פארצייטישער בעה"ב מיט קביעת עתים לתורה מיט א פונקטליכקייט, און אוודאי שבת האט ער נישט אויפגעהערט לערנען, ווי צו דעקן אויפן גאנצער וואך פון ימי המעשה.

אזוי זענען זיך פארלאפן פינף יאר וואס יאסעלע שטייגט און וואקסט, און דאן האט עס ליידער נאכאמאל פאסירט.

## און צום דריטן מאל

א שלעכטער ביזנעס דיעל האט גורם געווען פאר יאסעלע'ן אז דאס רעדל זאל זיך א דריי טאן. ער האט פארלוירן זיין געלט און איז אריינגעפאלן אין א שווערע מצב. פארשטייט זיך אז דאס האט נישט גוט אויסגעקלאפט אויף אים, און נאך א שטיק צייט פון 'סורווייוול' האט זיך יאסעלע ווידעראמאל געטראפן אין א מצב ווי ער איז פארבינדן געווארן צו די שלעכטע סחורה פון וועלכע ער האט זיך ארויסדערזען מיט ניסים, בעפאר זיין חתונה.

אן אריינגיין אין צופיל דעטאלן, האט זיך יאסעלע געמוזט שיידן נאך א קורצע צייט, שפאלטנדיג דעם הערליכן שטוב וואס ער האט נארוואס אנגעהויבן וועבן, און איבערלאזנדיג צוויי לעבעדיגע יתומים'לעך וועלכע האבן נישט געוואוסט וואוהין זייער באליבטער טאטע איז אהינגעקומען. יאסעלע האט פארלוירן זיין גאנצער האב און גוטס, און יעדער דאלאר וואס ער האט נאר פארדינט איז באלד געשוועונדעט געווארן פאר די שעדליכע סחורה.

נאכן ווערן געעצה'ט דורך עטליכע גוטע פריינט, האט יאסעלע מחליט געווען אריינצוגיין אין א רעהאביליטאציע צענטער זיך צו אויסקורירן און ווידעראמאל זיך אפגעוואוינען פון די שעדליכע דראגס. עס איז וויכטיג צו באטאנען, אז זינט א מענטש גייט אראפ פון דראגס וועט ער שוין קיינמאל נישט פטור ווערן פון דעם רייץ און דראנג דערצו. די איינציגסטע מהלך צו פטור ווערן פון דעם אדיקציע איז נאר דורכן איבערצייגן דעם מח אז עס לוינט פשוט נישט די עטליכע מינוטן פון קורת רוח, און אז עס לייגט אוועק דאס לעבן אויף שטענדיג. דאס קען אבער א מענטש נאר עררייכן ווען ער האט טאקע אויף וואס ארויסצוקוקן, אבער ווען א מענטש געפינט זיך אין א שפל המצב איז עס אים פילפאכיג שווערער.

יאסעלע האט באמת פרובירט. יאסעלע האט פרובירט זיין גאנץ לעבן, און עטליכע מאל געוואונען. אבער דעם לעצטן קלאפ האט ליידער דער מלאך המוות געגעבן.

## די טראגישע ענדע

נאך א לענגערע תקופה פון זיך האלטן ריין און





'סאובער' שטייענדיג אוועק פון די שעדליכע דראגס, אין יענעם פארכמארעטן פארנאכט, האט די סחורה גובר געווען איבער יאסעלע'ן, און אים פארשניטן פון דער וועלט אויף וועלכן ער האט אזויפיל געליטן נעבעך, און האט ענדגילטיג צוגעברענגט אז די פארוואגלטע נשמה וואס האט ליידער נישט געוואוסט פון קיין רו, זאל אנקומען למנוחה נכונה אין א יונגער עלטער.

יענע ביטערע נאכט האבן אלע הימלען געוויינט, א שלאקס רעגן האט געגאסן בעת וואס די חברים און פאמיליע האבן באגלייט יאסעלע'ן אויף זיין לעצטער וועג. "השם ינקום דמך, יאסעלע" האבן די ליפן געשעפשעט "זאל דער רבש"ע זיך נוקם זיין אין די אלע וואס האבן אנטייל גענומען אין דיין פיינפולן און ענדלאזער טויט" האבן די מוחות געקלערט. יאסעלע איז שוין אין א רואיגער פלאץ,און זיין נשמה רוט זיך אפ פון אזויפיל בלאנזשען און וואנדערן. אינדערהיים זיצן נעבעך די פיצינקע יתומים'לעך און ווייסן ניטאמאל פון זייער טראגישער פארלוסט, דען זיי האבן נאכנישט דעם שכל צו פארשטיין.

און מיר זאגן צו יאסעלע'ן: דיין בלוט איז נישט אויף הפקר פארגאסן געווארן. מיר וועלן זיכער מאכן אז כאטש עמיצער איבער דער וועלט זאל צוטרייסלט ווערן, און פארזיכערן זיך אפצוהיטן, זאל עס טאקע זיין לעילוי נשמתך. תנוח בשלום על משכבך, ותהא נשמתך צרורה בצרור החיים.

## עפילאג

א נייער בראשור איז צושפרייט געווארן איבער די היימישע גאס מיטן נאמען "וואו איז יאסעלע?" אין וועלכן עס ווערט פאכמאניש געשילדערט די געשיכטע פון אסאך דורכשניטליכע בחורים וועלכע לערנען אין אלע ישיבות, און עס לייגט אראפ די אינערליכע מלחמות וואס זיי אלע פירן צווישן זיך און דעם יצר, איבער כל מיני ענינים. בעיקר באציט זיך דער בראשור איבער דעם ענין פון ווידעא קליפס, וועלכע בחורים קוקן זיך אן. עס פארציילט די געשיכטע ווי עס הייבט זיך אן מיט א מצוה טאנץ קליפ, און ענדיגט זיך ביי דאס ארגסטע ה"י.




מיר מעגן אבער חלילה נישט פארפאסן צו רעדן איבער אלע יאסעלעך, און אלע משה'לעך, און אלע רבקה'לעך, און אלע טויבא'לעך, און אלע אידישע קינדער וועלכע ווערן נעבעך פארפאלן טאג טעגליך אויפן מזבח פון פארשוועכונג און דראגס. די שטריכן וועלכע ציען פון פארשוועכונגס, שלעפן אויף די קייטן פון דראגס, און פירן אריין די נשמות קדושות אין אן ענדלאזער גערונגל מיטן שטן המשחית.

די ימים פון טרערן וואס זענען שוין פארגאסן געווארן, און ווערן פארגאסן, סיי דורך די באטרעפנדע יאסעלעך וכדו' און סיי דורך אלע זייערע באקאנטע. עס פאדערט און נאגט. טוט עפעס, מאכט עפעס. רודערט עפעס אויף. די שטילקייט מאכט אונז טויב, מיר קענען מער נישט שווייגן. בחוץ תשכל חרב ובחדרים אימה, עס איז נישט נאר אן אויסשפריך, נאר דאס טוט זיך פאקטיש אפשפילן אין די גאסן.

אידישע קינדער, יא יא, היימישע, מיט שטריימל און בעקיטשע, טוען זיך ראנגלען מיט געפערליכע אדיקציעס וועלכע זיי האבן נישט געוואלט אויף זיך ברענגען, נאר מיטן הילף פון די שלעכטע 'חברים' וועלכע קענען זיך נישט זען אליינס אין פעקל, צו ווייל זיי האבן א רייץ צום דאלאר, קומען זיי ליידער אן אויפן גליטשער וואס טראגט אראפ ביזן טויטליכן ענדע. עס איז שוין גענוג צייט פאריבער פון שווייגן, די צייט פון פועל זיין און עוסק זיין בעניני נפשות איז שוין באלד פארביי. פון אלע ווענט איבער די בתי חיים שרייט זיך: "הצילו בעוד מועד!" לאמיר זיך ראטעווען ווילאנג עס איז נאך דא וועמען צו ראטעווען.

עשה למענך אם לא למעננו. טוט פאר זיך אליינס, אויב נישט פאר כלל ישראל. קיינער איז דערפון נישט אויסגעשלאסן, יעדער קען חלילה דארט אנקומען. עס איז שוין היינט א וועלט ווי אלס קומט אן ביזן טיר, מען דארף שוין נישט זוכן דעם שווערד, מען קען באשטעלן דעם שטאך צו זיך אין שטוב ה"י. און דער וועג איז גרינג און נישט לאנג.

די נשמות שרייען אראפ צו אונז פון כסא הכבוד: "זאגט זיי, שטייט ווייט! אנטפלעקט זיי, שלא ימותו כדרך שמת יאסעלע!".

***זאל דאס זיין לע"נ די הייליגע און טייערע נשמה פון יאסעלע ז"ל, אונזער טייערער חבר.***